# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"א – ראה תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


## גליון מיוחד לקראת יומא דהילולא של רביה"ק בעל דברי יואל זצוקללה"ה - כ"ו מנחם אב תשע"א לפ"ק (ב)

### תתתתריב) עס דערציילט
### כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

עס איז געווען א בחור וואס האט געלערנט אין די ווינער ישיבה אין וויליאמסבורג, און זיין טאטע איז געווען א בעלזער חסיד, ער האט געדאווענט שבתים ויו"ט אין פאפא ביהמ"ד.

דער בחור האט געהאט א שטארקע תשוקה צו זיין אין די סביבה פונעם פעטער **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** און ער פלעגט קומען צום רבי'נס טיש יעדע וואך בלי ידיעתו פון זיין טאטן.

די ווינער ישיבה איז געווען אויף בעדפארד עוו. ביי טעילאר סט. צוויי גאסן אוועק פונעם סאטמארער ביהמ"ד, און דער בחור האט זייער משתוקק געווען צו זיין ביים רבי'ן און הערן זיין דאווענען - וואס פלעגט זיין אין די מיטאג שעות בזמן הלימוד אין די ישיבה - האט ער געבעטן פונעם טאטן געלט צו קויפן נאך א היט, ער האט איין היט ארויפגעלייגט אויף די גמרא און דעם צווייטן היט האט ער אנגעטוהן און געגאנגען אין ביהמ"ד הערן דעם רבי'ן דאווענען.

ווען ער האט געזעהן אז יעדן טאג לייגן בחורים צוזאמען דעם רבי'נס תפילין, האט ער אויך באקומען א חשק צוזאמען צו לייגן דעם רבי'נס תפילין.

די דארמיטארי פון וויענער ישיבה איז געווען נעבן "ירושלים ספרים געשעפט" וואס האט באלאנגט פארן רבי'נס גבאי ר' יוסף אשכנזי ז"ל, און ער פלעגט דארט אסאך מאל אריינגיין קויפן ספרים, האט ער געבעטן פון ר' יוסף אז ער וויל צוזאמען לייגן אמאל דעם רבי'נס תפילין. וכך הוה, ר' יוסף האט אנגעזאגט פאר א בחור אז מ'זאל אים לאזן צוזאמען לייגן דעם רבי'נס תפילין.

אויפמארגן נאך שחרית וואס איז שוין געווען נאכמיטאג איז ער געשטאנען גרייט איבער צו נעמען די תפילין, מיד קדשו פון רבי'ן. שטייענדיג דארט, פרעגט אים דער רבי "ווי אזוי הייסטו?" האט ער געזאגט זיין נאמען. פרעגט אים דער רבי צי ער איז אן אייניקל פון א איד מיטן זעלבן נאמען וואס האט געוואוינט אין אוהעל. זאגט דער בחור, "יא ס'איז מיין זיידע, און איך הייס נאך אים".

דערציילט אים דער רבי מיט א ידידות טאן "ווען מ'האט מיך גערופן קיין אוהעל ווען ס'איז געווען א מחלוקה איבערן רבנות, בין איך איינגעשטאנען ביי דיין זיידן און ער האט מיך שטארק מקרב געווען".

פרעגט אים דער רבי ווייטער "דו לערנסט דא אין די ישיבה?" ענטפערט ער "ניין". פרעגט דער רבי "וואו לערנסטו?" ענטפערט ער "אין ווינער ישיבה, דא אין שכינות". פרעגט אים דער רבי ווייטער "וואס טוסטו דא אינמיטן טאג?" ענטפערט ער "איך קום הערן דעם רבי'ן דאווענען".

דער רבי איז פלוצלונג ערענסט געווארן און האט זיך צוקאכט און געשריגן הויעך אויפן קול "אויף וועמעס חשבון?! אויף מיין חשבון גייסטו ארויס פון ישיבה?! דיין טאטע ווייסט דערפון?! דער ראש ישיבה ווייסט דערפון?" און האט איבער געזאגט עטליכע מאל "אויף וועמעס חשבון? אויף מיין חשבון?!.

דער בחור'ל האט זיך זייער דערשראקן, אלע בחורים פון ביהמ"ד זענען זיך צוזאמען געלאפן, ער האט אנגעהויבן צו וויינען, און האט אראפגעלייגט די תפילין און איז ארויסגעלאפן אין איין אטעם ביז אין ישיבה.

בערך צוויי שעה דערויף זעהט דער בחור ווי ר' יוסף אשכנזי ע"ה קומט אריין אין די ישיבה און ער גייט צו צום משגיח הרה"ג ר' אברהם מאיר פערלמאן ע"ה (וועלכער איז שפעטער געווארן א משגיח איז רבי'נס ישיבה) און פרעגט אים עפעס.

ער האט גלייך פארשטאנען וואס דער מדובר איז, א מינוט דערויף האט ר' אברהם מאיר אנגעוויזן וואו ער זיצט, ר' יוסף איז צוגעקומען צו אים זאגן אז דער רבי רופט אים.

ער האט גלייך אנגעהויבן צו וויינען, מורא האבענדיג וואס פאר א פסק עס קומט שוין ווידער, האט אים ר' יוסף געזאגט אז "דער רבי האלט פאר מנחה, און דער רבי האט געזאגט אז ער שטעלט זיך נישט דאווענען ביז דער בחור קומט צוריק". האט ער געבעטן אז ר' יוסף זאל כאטש מיטקומען, ווייל ער ציטערט צו באקומען נאך א פסק פון רבי'ן.

אריין קומענדיג אין רבי'נס ביהמ"ד נאך אין די האל ביי די טיר האט ער געזעהן ווי דער רבי שטייט ביים עמוד מיטן פנים צו מערב, און דער רבי האט אים באטראכט צי ער איז עס טאקע, האט ער זיך גלייך אויסגעדרייט צום עמוד און אנגעהויבן דאווענען מנחה.

נאך מנחה איז ער אריין מיט ר' יוסף אין רבי'נס שטיבל נעבן ביהמ"ד, וואו דער רבי פלעגט אויפנעמען מענטשן, פרעגט אים דער רבי "פארוואס ביסטו אנטלאפן?".

האט ער נאכאמאל אנגעהויבן צו וויינען פרעגט אים דער רבי "איך האב דיך דען געוואלט פארשעמען?! אבער, ביזט מיר מוחל?". זאגט ער "אודאי". פרעגט דער רבי "אבער, מיטן גאנצן הארץ?" זאגט ער "יא".

פרעגט דער רבי "ביסט צופרידן אין די ישיבה וואו דו לערנט? אויב דו ביסט נישט צופרידן, וועל איך מסדר זיין דיך אריין צו נעמען צו לערנען דא אין די ישיבה, און וועסט קענען געהעריג מיטהאלטן". זאגט דער בחור "איך ווייס נישט אויב מיין טאטע וועט מיך לאזן ארויסנעמען פון מיין ישיבה".

האט דער רבי געזאגט "אויב דו האסט אמאל א פראבלעם, מוז נישט זיין קיין גרויסע, אפילו א קליינע, קום צו מיר איך וועל פרובירן דיר ארויסצוהעלפן".

קומענדיגע וואך פרייטאג צונאכט איז דער בחור געווען ביים טיש, דער סדר איז געווען אז נאכן בענטשן האט דער רבי געטיילט פירות, פאר די רבנים האט ער געגעבן פון די טרויבן, און פאר די יונגעלייט און בחורים האט דער רבי נאר געגעבן פון די עפל, ווען דער בחור איז אנגעקומען אין די רייע האט דער רבי שוין געהאלטן א עפל אין די האנט, דער רבי קוקט אים אן און לייגט אראפ דעם עפל און נעמט צוזאמען פון די איבער געבליבענע טרויבן פון טאץ און עס אים געגעבן, ארויס צו ווייזן א פיוס.

עטליכע יאר שפעטער ווען ער איז געווען אין די יארן פון שידוכים, האט זיין טאטע געטראכט אז אזוי ווי ער מוטשעט זיך שטארק פאר פרנסה, אפשר זאל דער זוהן גיין ארבעטן ער זאל זיך קענען חתונה מאכן, האט זיין טאטע אים געשיקט פרעגן דעם סקווערער רבי'ן ז"ל צי ער זאל אויסגיין פון ישיבה אדער נישט.

האט ער זיך דעמאלט דערמאנט אז דער רבי האט אים אמאל געזאגט אז "אויב דו האסט אמאל א פראבלעם, מוז נישט זיין קיין גרויסער פראבלעם, אפילו א קליינער פראבלעם, קום צו מיר איך וועל פרובירן דיר ארויסצוהעלפן".

איז ער געגאנגען צום רבי'ן און דער רבי האט אים מייעץ געווען צו גיין ארבעטן, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן וואו ער זאל זוכן א גוטע ארבעט. האט דער רבי אריבער גערופן ר' פישל רובינשטיין ע"ה וועלכער האט געהאט א פאבריק, און האט אים אויסגעפרעגט וויפל סארט ארבייט עס איז דא אין זיין געשעפט, און האט אויסגעשמועסט וועלכע ארבעט עס איז די גרינגסטע, און דער רבי האט אים געהייסן אריינעמען דעם בחור און אים געבן די לייכטע ארבעט.

דערנאך האט דער רבי אראפ גערופן הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה, וועלכער האט געוואוינט אויבן העכערן רבי'נס דירה, און געזאגט פאר ר' פישל "דער בחור וועט ביי דיר ארבעטן, און יעדע וואך זאלסטו געבן דאס געהאלט פאר ר' אברהם'ן, ער וועט עס אוועקלייגן און ווען דער בחור וועט אי"ה א חתן ווערן זאלסטו איבער געבן דאס גאנצע געלט פארן בחור". וכן הוה דער רבי האט אינזינען געהאט דעם בחור ביז ווען ער איז א חתן געווארן און ער איז געגאנגען צו די חופה מיט א שיינע סומע געלט ביי די האנט. (בשולה"ט ליל שב"ק פר' עקב תשע"א, שמואל מענדלאוויטש)

## תתתתריג) עס האט געזאגט
# הרה"ק רבי שמואל צבי מספינקא זצוק"ל

רעדנדיג דברי פתיחה פאר זיינע תלמידים אין ישיבת "בית יצחק ספינקא" האט ער געזאגט בתוך הדברים מורא'דיגע ווערטער:

מיר דארפן כסדר האלטן פאר די אויגן די הייליגע ספרים "ויואל משה" "על הגאולה ועל התמורה" פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זללה"ה, וואס דארט איז קלאר ארויסגעברענגט ווי אזוי מיר דארפן זיך האלטן אין אלע צייטן אין אלע אומשטענדן.

איך געדענק ווען די ספרים זענען ארויסגעקומען אויף די וועלט, האב איך אפגעגעבן שבח והודאה צו השי"ת, אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען צו זיין רחמנות אויף אונזערע קומענדיגע דורות אז די הייליגע ווערטער זענען אפגעשריבן געווארן, און אונזערע דורות זאלן ווייטער ווייסן די הייליגע ווערגן ווי אזוי אונזערע עלטערן האבן זיך געפירט.

אבער מ'דארף דאס וויסן אז אויב ח"ו איז איינער מסופק אין א ענין וואס איז מבואר אין די ספרים, און ער פארשטייט דאס נישט אינגאנצן, זאל ער וויסן אז דאס וואס ער פארשטייט נישט האט צוטון מיט אים אליין, ווייל נישט יעדער מענטש איז געגניג לויטער אז זיין מח זאל קענען פארשטיין די אמת'ע ווערטער, ווייל דער כח צו פארשטיין ווענדט זיך אלעס ווי שטארק א מענטש האט מזכך געווען זיין קערפער. ווי עס איז מבואר אין ספה"ק דגל מחנה אפרים (פ' עקב) אויפן פסוק (דברים י' ט"ז) ומלתם את ערלת לבבכם וגו' אז אויב מ'עסט מאכלות אסורות ווערט דאס הארץ פארשטאפט און מ'קען נישט פארשטיין די הייליגע ווערטער פון די צדיקים.

(וז"ל שמעתי מאאזלל"ה (מרן הבעשטה"ק זי"ע) על מדינה אחד ששאלו במכתב להרמב"ם ז"ל על תחיית המתים לומר להם מן התורה ומה שדרשו חכז"ל בגמרא מן הפסוקים אמרו שיש לדורשם באופן אחר, ולא רצה להשיבם הוא בעצמו דבר אך אמר לתלמידו ר' שמואל אבן תבון שהוא ישיבם וזהו תוכן דבריו, כי מכל מיני מאכל ומשקה נעשה דם וכו', ומי ששומר עצמו ממאכלות המותרות והאסור והטמא נעשה דמיו צלולין וטהורין ויש לו לב טהור והמוח והחיות שלו נעשה חיות טהורות להשיג אמיתית החיות שהוא אלוקית של כל העולם המחיה את כולם וכו', לכן התנאים והאמוראים ובעלי המדות וחכמי המשנה הם שמרו נפשם וכו', ולכן האירו אור שכלם והיה שורה עליהם רוח הקודש לפרש כל מאמר סתום מדת התוה"ק וכו', אבל אנשים הללו בוודאי טמאים ונטמאו דמם ומשם לבם ומוח שלהם נטמאים במאכלות האסורות והטמאים ולכך החיות שלהם נוטה למינות ואפיקורסות ולא יכלו לקבל מתיקות נופת צוף דברי מאמרינו הבנוים על פי שכל אלוקי עולם ומלך עליון וכו', ע"כ תוכן דברי תלמידו וכו', ומהיכן יוצא זה התנגדות בוודאי מחמת שלא שמרו את לבבם, כי כשהלב היא טהור אזי המוח גם כן טהור כי משם עולה הבירור אל המוח, עכלה"ק ועיי"ש עוד באריכות ויונעם לך). (די יארצייט פון הרה"ק מספינקא זצ"ל געפאלט אויס היינטיגן שב"ק פר' שופטים, כ"ז מנחם אב, זי"ע).

## תתתתריד) עס דערציילט אונזער זיידע
# הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

דער **רבי מרן בעל דברי יואל** זי"ע האט נישט געוואלט מקבל זיין א מעשה פון צדיקים וואס איז געווען קעגן די הלכה.

איינמאל האט מען געשמועסט ביים רבי'ן, איבער די מעשה וואס שטייט אין ספר אור למאיר (פר' יתרו) פון **הרה"ק מביקאווסק זצ"ל** אז איינמאל יום כיפור עס איז נאכנישט געווען מוצאי היום האט **הרה"ק רבי מענדעלע מרימאנוב זי"ע** געזאגט אז השי"ת האט שוין מוחל געווען די עבירות פון די אידן, און מ'קען שוין אויספאסטן. האט דער רבי געזאגט אז ער קען שווערן א שבועה דאורייתא אז די מעשה שקר, און עס קען נישט זיין אמת.

ווען איינמאל האט א רב דערציילט די מעשה פארן רבי'ן, האט דער רבי געזאגט "שקר, שקר, שקר". האט יענער רב געזאגט איך האב דאך געהערט די מעשה פון מיין טאטן, האט דער רבי געזאגט "אייער פאטער איז געווען א ערליכער איד, אבער דער וואס האט דאס דערציילט פאר אייער פאטער איז געווען א שקרן". (ועי' בספה"ק ויואל משה מאמר א' סי' קע"ז) (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

## תתתתרטו) עס דערציילט אונזער זיידע
# הרה"ח ר' חיים הערש אפפעל הי"ו

איך האב געהערט די מעשה פונעם בעל העובדא; הרה"ח ר' נחום מאשקאוויטש ע"ה איז געקומען צום רבי'ן מרן **בעל דברי יואל** זי"ע פון ארץ ישראל אויף ראש השנה, און ער האט אינזינען געהאט צו בלייבן אביסל לענגער נאך די ימים טובים, צו קענען מאכן געלט אויף חתונה מאכן די קינדער וכדומה.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן זי"ע נעמען שלום האט אים דער רבי געהייסן אז ער זאל באלד אהיימפארן. ער האט נישט געזאגט פארן רבי'ן זיינע פלענער, נאר ער איז דא געבליבן. ווען ער איז שפעטער נאכאמאל אריין צום רבי'ן האט אים דער רבי געפרעגט פארוואס ער איז נאכנישט אהיימגעפארן, און ער האט אים געהייסן אז ער זאל שוין אהיימפארן.

האט ער אנגעהויבן צו זאגן פארן רבי'ן אז ער האט פלענער דא צו בלייבן און שאפן געלט. אבער דער רבי האט דאס נישט געוואלט אננעמען און אים געהייסן אהיימפארן. עס איז דארט געלעגן א פלעשל האניג אויפן טיש. דער רבי גיט אים דאס, און זאגט "נעם עס אהיים, און פאר געזונטערהייט".

ער האט געפאלגט דעם רבי'ן און ער האט אפגעלאזט אלע פלענער און אהיימגעפארן. אנקומענדיג אהיים האט ער געזעהן אז זיין טאכטער שפירט זיך זייער נישט גוט ל"ע, און איר מצב איז שווער, ער האט באלד פארשטאנען פארוואס דער רבי האט אים אהיימגעשיקט, און ער האט ארויסגענומען די האניג וואס דער רבי האט אים געגעבן, און דאס געגעבן פאר די טאכטער צו עסן, און שלא כדרך הטבע האט זיך דער מצב אנגעהויבן צופארבעסערן, ביז ווען זי האט געהאט א ישועה קעגן אלע ערווארטונגען.

אין יענע צייט האבן זיי געליטן פון אראבישע שכנים וואס האבן געווארפן שטיינער אויף זיינע קינדער. די קינדער זענען געקומען צו לויפן צום טאטן און געוויזן אז די אראבער האבן געווארפן שטיינער, זעהנדיג דעם שטיין האט ער באמערקט אז דאס איז א טייערער שטיין. ער האט געהייסן ברענגען דעם צווייטן שטיין וואס מ'האט געווארפן האט ער אויך געזעהן אז דאס איז א טייערער שטיין. איז ער געגאנגען צו יענעם פעלד ווי די אראבער זענען געווען און ער האט דורכגעשטערט דעם גאנצן פעלד און גארנישט געטראפן. ער האט פארקויפט די צוויי שטיינער און פון דעם געלט האט ער חתונה געמאכט די קינדער בכבוד, האט ער דעמאלטס געזעהן דעם הייליגן בליק פונעם רבי'ן זי"ע. (אהרן בערגער, יוסף אלי' ביקעל, יעקב יושע ביקעל, קלמן אליעזר עקשטיין)

## תתתתרטז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
# הרה"ח ר' ישראל מאיר גליק הי"ו

איך האב געלערנט אלס בחור ביי הגה"צ רבי יושע העשיל לאנדא זצ"ל דער וויטקער רב, וואס האט זיך מיט די יארן געצויגן פון דעם קליינעם דערפל וויטקא קיין נירעדהאז, און ער האט ווייטער געפירט זיין ישיבה ביתר שאת.

סוף ווינטער תש"ד איז **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע געווען אויף א לינת לילה אין נירעדהאז. דער מצב איז שוין געווען זייער אנגעצויגן, די גוי'אישע שכנים האבן זיך אונטער געזונגען די היטלערישע ניגונים, און דאס אנטיסעמיטיזם איז געווען שרעקליך. אלע בחורים פון די ישיבה זענען געגאנגען צום רבי'נס אכסניא, און עס איז געווען צוגעגרייט כיבוד אויפן טיש. דער רבי האט אונז שיין אויפגענומען און געגעבן שיריים פון די פירות. איך האב באקומען א פלוים. איך האב דעם פלוים אויפגעגעסן, און נאכדעם האב איך געטראכט אז דאס 'קערל' איז דאך אויך שיריים פון א צדיק, האב איך דאס אריינגעלייגט אין טאש אז דאס זאל זיין פאר שמירה.

זייענדיג אין די שווערע צרות אין די לאגערן האב איך כסדר געטאפט אין טאש צי איך האב נאך דאס קערל, און איך האב געהאט אן הרגשה אז דאס ראטעוועט מיך פון אלע צרות און סכנות וואס איך בין אריבער געגאנגען.

לפלא איז געווען אז ווי נאר איך בין באפרייט געווארן פון די צרות איז דאס קערל נעלם געווארן, און איך האב דאס מער נישט געקענט טרעפן. דאס האט מיר געוויזן בחוש אז די קדושה פונעם צדיק איז געווען מיין שמירה אין די אלע שווערע צייטן. (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש, זאב וואלף גלאנץ)

## תתתתריז) עס דערציילט אונזער זיידע
# הרה"ח מוה"ר נח גפן הי"ו שו"ב

איך האב געלערנט אין חדר ביי מיין מלמד הגה"ח רבי יונה גלויבער ז"ל. עס ליגט אין די ביינער ווי רבי יונה ז"ל האט צו אונז גערעדט און דערציילט פונעם רבי'ן מרן **בעל דברי יואל** זי"ע.

איינמאל איז ער אריבער געגאנגען צום רבי'ן אין שטוב פיר אזייגער פארטאגס, און ער איז אריין אין רבי'נס ספרים צימער, האט ער געזעהן ווי דער רבי זיצט און לערנט חובת הלבבות, און פון זיינע אויגן גיסן זיך טייכן טרערן.

"איך בין צוגעגאנגען ביז ממש נעבן דעם רבי'ן, און דער רבי האט מיך ניטאמאל באמערקט, נאר ער איז געזעסן פארטיפט אינעם ספר און געלערנט מוסר בדמעות שליש" האט אונזער רבי דערציילט, מיט התרגשות, און זיינע ווערטער האבן אויף אונז געמאכט א מורא'דיגן רושם. (משה שעהנברון, משה גפן, מרדכי יצחק גפן, אלטער ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, יואל יושע גפן, אברהם צבי גפן, משה קטינא)

**תתתתריח) עס דערציילט אונזער יידע**

## הרה"ח ר' אלי' שאול כ"ץ הי"ו

עס האט מיר דערציילט מיינס א חבר אז זיין טאטע פלעגט גיין יעדן חודש צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** מיט א קוויטל, און ער האט מיטגענומען די קינדער, וועמען דער רבי פלעגט געבן די האנט און בענטשן און אנוואונטשן מברכותיו הטהורים.

איינמאל ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאר אלט, האט ער איין טאג ארויסגענומען דעם מייזן-כאפער וואס איז געווען אין בעיסמענט צו כאפן די מייז, און ער האט פארגעסן זיך צו וואשן די הענט נאכדעם. דערויף האט דער טאטע גענומען די קינדער און ער איז אריבער געגאנגען צום רבי'ן זי"ע ווי זיין שטייגער יעדן חודש.

נאכן קוויטל פלעגן אלע קינדער אריבערגיין נעמען א ברכה, דאס מאל האט דער רבי געגעבן די האנט פאר אלע קינדער ווי געווענליך, און נאר פאר דעם קינד האט ער נישט געוואלט געבן די האנט, ווייל ער האט מרגיש געווען אז ער האט בעפאר צוגערירט צו א שרץ טמא. (יואל כ"ץ, יושע נחמן כ"ץ, יוסף כ"ץ)

**תתתתריט) עס דערציילט אונזער יידע**

## הרה"ח ר' משה פרידריך הי"ו

ווען איך בין געווען א קינד האט איך געוואוינט אויף קליימער סט. עטליכע הייזער אפגערוקט פון **רביה"ק מרן הדברי יואל זי"ע**.

איינמאל ווען מיר האבן זיך געשפילט אויפן גאס קומט צו גיין א אינגל און ער זאגט אז ער האט געטראפן אן אוצר... מיר זענען מיטגעגאנגען מיט אים, און ער האט אונז אריינגעפירט אינעם בעיסמענט אונטער רבי'נס הויז אויף 500 בעדפארד עוו. עס איז דארט געווען חושך, און דער אינגל ווייזט אונז אין א ווינקל ליגט א בארג מיט ענוועלאפס, און דער אינגל זאגט אונז אז מיר זאלן כאפן די ענוועלאפס און אפטראגן דערמיט.

מיר האבן דאס ארויסגעטראגן און אינדערויסן האבן מיר דאס געעפענט, האבן מיר געזעהן אז אין יעדע ענוועלאפ איז געווען א קוויטל מיט א פדיון וואס איז געקומען פון אידן פון ארץ ישראל.

ווי עס האט זיך פארשטאנען איז די אלע קוויטלעך געקומען פון אידן וואס דער רבי איז געווען מסופק אויפן מקור פון דאס געלט צי עס קומט ממקור טהור (אדער אפשר האט ער טאקע געוואוסט...) און דער רבי האט נישט געוואלט נהנה זיין דערפון, האט מען דאס אראפגעטראגן אין קעלער, און עס האט זיך דארט געזאמלט ביז ווען עס איז געווארן דערפון א בארג.

שפעטער ווען די רביצין ע"ה איז געוואויר געווארן דערפון איז זי אריבער געקומען צו אונז אהיים, און זי האט געהייסן אלעס צוריק טראגן. (בן ציון זאלדאן, שלום זאלדאן, אפרים פרידריך, מאיר פרידריך, אברהם אלי' פרידריך, ליפא פרידריך, שלום פרידריך, אליקים יודא גרינוואלד)

**תתתתרכ) עס האט דערציילט אונזער יידע**

## הרה"ח ר' אברהם יעקב הכהן גלאנצער ע"ה

ער איז געווען א גרויסער מקורב ביי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, און דער רבי פלעגכט מיט אים אסאך שמועסן.

איינמאל האט אים דער רבי דערציילט "כ'האב אמאל געמיינט אז נאר סוכות איז א סאטמארע מנהג (ווייל די אמעריקאנער צייטונגען פלעגן שטענדיג שרייבן אז דאס מאכן סוכות אויף די גאסן איז א סאטמארע מנהג, ווייל די ערשיינונג האט אמעריקע נישט געזען ביז יענע צייטן) היינט בין איך געוואויר געווארן אז צו היטן שבת איז אויך א סאטמארער מנהג"...

דערציילט אים דער רבי אז עס זענען געווען עטליכע היימישע אידן וואס זענען געגאנגען נאך געלט אין די ווייטע אמעריקאנער סטעיטס, דארט איז געווען דער סדר אז ווען מ'איז אנגעקומען אהין צו מאכן געלט, איז מען אריין צום דארטיגן 'ראביי' און מ'האט אים געזאגט דעם צוועק פארוואס מ'קומט נאך געלט, און דער ראביי האט שבת געזאגט אפאר ווערטער איבערן צוועק, און איבער די וואך איז מען ארומגעגאנגען צום עולם נאך געלט.

אין איינע פון די טעג זענען צוויי היימישע אינגעלייט געווען אין א ווייטן סטעיט אויף שבת, און פרייטאג נאכמיטאג זענען זיי אריין צום ראביי און געוואלט דערציילן איבער זייער צוועק. אזוי זיצנדיג קומט אריין דארט א אמעריקאנער אידישער בוי'טשיק מיט א גוי'טע, און עס האט זיך אויסגעזען ווי דער שגץ וויל חתונה האבן מיט די גוי'טע, אבער דער ראביי האט נישט מסכים געווען נאר אויב זי איז זיך מגייר. זענען זיי געקומען זאגן אז זי איז גרייט זיך מגייר צו זיין.

דער ראביי האט אנגעהויבן צו זאגן אז די הלכה איז אז ווען איינער קומט זיך מגייר זיין דארף מען דאס שווער מאכן, פרעגט ער איר צי זי ווייסט וואס עס מיינט א איד? זאגט זי אז דער בחור האט איר שוין אלעס געזאגט. פרעגט ער איר עטליכע שאלות, אינדערמיט נעמט זי ארויס א ציגארעטל צו רייכערן, זאגט איר דער ראביי "דו ווייסט אז דאס טאר מען נישט טון אום שבת, ביסטו גרייט דערויף?!".

דא האט זיך שוין דער בחור נישט געקענט איינהאלטן, רופט ער זיך אן "ראביי, איך האב איר אהערגעברענגט אז דו זאלסט איר מאכן פאר א איד, נישט פאר א סאטמארער"...

ווען די צוויי אידן זענען אהיימגעקומען האבן זיי דאס דערציילט פארן רבי'ן, און דער רבי האט דאס איבערדערציילט פארן זיידן. (חיים צבי הכהן גלאנצער, דוד מאיר ווייס, ברוך יודא מיטעלמאן)

**תתתתרכא) עס האט דערציילט אונזער יידע**

## הרה"ח ר' יודא ארי' גראד ע"ה

איך בין אמאל געווען ביי אן עלטערן איד אין אנטווערפן, איז אריינגעקומען א זון פון הרה"ח ר' משה גראס ע"ה פון שווייץ, וואס דער **רבי מרן בעל דברי יואל זי"ע** איז איינגעשטאנען ביי איהם אין שטוב זייענדיג אין שווייץ. ווען דער רבי איז דארט געווען אויף שבת זענען געקומען צו גיין ליטווישע בחורים מיט גרויסע פריזורן (טשופעס) אויפן קאפ פון פארנט און פון אונטן.

דער רבי האט צו זיי שארף גערעדט איבער דעם ענין פון די לאנגע האר, און ער האט זיי שארף אנגעזאגט אז תיכף מוצש"ק זאלן זיי אראפנעמען די האר, טייל פון די בחורים האבן געפאלגט און תיכף מוצאי שבת האבן זיי דארט ביים רבי'נס אכסניא זיך אפגעשוירן די טשופעס, צו ווייזן פארן רבי'ן אז זיי פאלגן זיינע רייד.

אבער די אנדערע בחורים וואס האבן נישט געוואלט פאלגן זענען באלד נאכן זמן אנטלאפן פון דארט, און זיי זענען גלייך געגאנגען צו די באן, און געוואלט אהיים פארן, אבער עס איז נישט געלונגען און זיי האבן פארשפעטיגט די באן און זיי זענען בלית ברירה צוריק געגאנגען.

וויבאלד עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט האבן זיי נישט געהאט וואו צו גיין, זענען זיי בלית ברירה צוריק געגאנגען צום רבי'נס אכסניא, אבער זיי האבן זיך געשעמט אריינצוגיין, נישט וועלענדיג אז דער רבי זאל זיי באמערקן מיט די טשופעס, זענען זיי געבליבן ווארטן אינדערויסן אין די 'האלוועי', מיט די האפענונג צו טרעפן א פלאץ וואו צו שלאפן.

דער רבי האט דאס אבער גלייך מרגיש געווען אז זיי זענען דא, און ער איז ארויסגעקומען צו זיי, און געזאגט במתק לשונו "אז ס'איז נישט בא'שער'ט פארט מען נישט"...

די בחורים האבן תיכף געכאפט דעם באדייט פונעם רבי'נס ווערטער, און מיט די צייט האבן זיי זיך אלע אפגעשוירן און זיי זענען געווארן ערליכע אידן יראים ושלמים. (יצחק צבי גראד, יואל מיכאל גראד)

**תתתתרכב) עס האט דערציילט אונזער יידע**

## הרה"ג ר' עמרם כהן שליט"א

איך האב געהערט פון מיינס א קרוב וואס האט דאס געהערט פונעם בעל העובדא: עס איז געווען א חשוב'ער אינגערמאן, א סופר סת"ם, וועלכער איז געווען א גרויסער קנאי, און ער פלעגט לאזן פאלן שארפע ווערטער אויף די רבי'ס און ראשי ישיבות וואס האבן באלאנגט צו די קרייזן וואס האבן מתיר געווען די בחירות וכדומה.

איינמאל ווען דער אינגערמאן האט גערעדט מיט זיין טאטן איבער איינעם פון די ראשי ישיבות אין אמעריקע, וואס האט אסאך עוסק געווען אין עניני המדינה וכדומה, אז ער איז א אפיקורס, האט זיך זיין טאטע צובייזערט, און ער האט אים שארף געזאגט "דו ביסט אן אפיקורס, און מ'טאר נישט נוצן דיינע תפילין אויב דו קענסטו אזוי רעדן אויף תלמידי חכמים".

דער אינגערמאן האט געפרעגט זיין טאטן "פארוואס בין איך א אפיקורס?! ווייל איך האלט אזוי ווי דער רבי, וועגן דעם זענען מיינע תפילין פסול?!". האט אים דער טאטע געזאגט "ס'איז נישט אמת, דער רבי האלט נישט אז דער ראש ישיבה איז אן אפיקורס".

דער אינגערמאן איז אריין צום רבי'ן, און ער האט דערציילט גענוי די גאנצע מעשה, אלעס וואס ער האט געזאגט, און וואס זיין טאטע טענה'עט. דער רבי האט זיך צושמייכלט און געזאגט "אמת, ער רעדט אפיקורסות, ער העלפט זיי מפיץ זיין מינות, אבער קיין אפיקורס איז ער נישט"... (יעקב קאהן, חיים מנחם כהן)

תתתתרכג) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם דוד קעפעטש ע"ה

נאך די מלחמה איז ער קודם אליין ארויסגעקומען קיין מאנטריאל, ווייל זיין ב"ב האט נישט געהאט קיין שריפטן ארויסצוקומען. שפעטער ווען זי האט שוין ענדליך פארשאפט שריפטן פאר זיך האט זי אבער נישט געקענט האבן קיין שריפטן פאר די קינדער. איז דער זיידע ע"ה אליין געקומען קיין וויליאמסבורג און ער האט זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן מרן בעל דברי יואל זי"ע אז ער וויל קומען קיין אמעריקע, אבער ער האט נישט קיין שריפטן פאר די קינדער. דער רבי האט אים געהייסן קומען אזוי ווי עס איז.

דער זיידע האט מודיע געווען פאר די באבע דעם רבי'נס תשובה, און זי מיט איר גרויס אמונת צדיקים איז געגאנגען צו די באן מיט אלע קינדער. ווען מ'האט געבעטן די פאפירן האט זי געוויזן נאר אירע שריפטן. ווען מ'האט געבעטן די שריפטן פון די קינדער האט זי געזאגט אז זי האט נישט יעצט די שריפטן, אבער זי פארט שוין אזוי מיט די קינדער פון וויען קיין ארץ ישראל, און פון ארץ ישראל קיין קאנאדע. דער קאנדאקטער באטראכט איר מיט די קינדער, און צום וואונדער האט ער איר געלאזט פארן קיין אמעריקע אן קיין שום שריפטן. (אייזיק יואל גליק, יעקב דוב כהן, יעקב אביגדור גליק, אליעזר גליק, יצחק אייזיק מנחם כהן, שמעון כהן)

תתתתרכד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש הי"ו משב"ק

געווען איז דאס אין די מיטעלע כ' יארן ווען מיר האבן זיך ארגאניזירט א גרופע פון עטליכע בחורים יראי ה', וואס האבן געזוכט זיך צו פירן אין א אייגענעם מהלך אויף א העכערן סטאנדארט לויט וואו עס שרייבן פאר די חסיד'ישע ספרים. מיר האבן זיך צונויף גענומען און אפגעשריבן א צעטל מיט זיבן עקרים פון זייער חבורה, און דערויף איז געקומען די תקנות פון די חבורה, פארשידענע קבלות און התנהגות'ן וואס יעדער איינער מבני החבורה איז זיך מתחייב. אריינגערעכנט א צאל חסידישע ספרים וואס מען לערנט אינאיינעם, א קיבוץ צו זינגען אינאיינעם ניגוני התעוררות במשך די וואך, און א זמן פאר התבודדות וכו'.

האט זיך געמאכט אז איינע פון די צעטלעך איז פארלוירן געווארן, און מיר האבן מורא געהאט אז דאס וועט אנקומען צו די הענט פון די הנהלה, וואס וועט דאס איבערגעבן פארן רבי'ן, און ווער ווייסט וואס דער רבי וועט זאגן דערצו.

האבן מיר באשלאסן מקדים זיין תפלה לצרה, אין א געוויסן מוצאי שבת, א וואך נאך פורים איז דאן געווען, זענען עטליכע בחורים פון אונזער חבורה אריין אל הקודש פנימה און זיי האבן פארן רבי'ן איבערגעגעבן דעם צעטל. דער רבי קוקט אריין אינעם צעטל און ער ליינט דאס דורך איינמאל און נאכאמאל און ער רופט זיך אן פאר די בחורים "איך האב זייער מורא פאר אזא זאך", און ער האט זיי געהייסן אוועקגיין זאגנדיג אז ער וועט זיי שוין לאזן רופן איבערגעבן זיין מיינונג איבער די חבורה.

אויפצומארגנס זונטאג אינדערפרי האט דער רבי איבערדערציילט די מעשה פאר הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס זצ"ל דער מנהל הישיבה, און ער האט אים געזאגט "כ'האב די נאכט נישט געקענט שלאפן, איך זעה אז מ'פארשטייט מיך נישט, די בחורים ווייסן נישט וואס איך וויל"...

יענעם דינסטאג האט דער רבי געלאזט רופן עטליכע בחורים פון אונזער חבריא, וואו רבי נתן יוסף איז אויך געווען אנוועזנד, דער רבי איז געזעסן אויפגעלייגט און ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו די בחורים בנעימות און א שטארקע בא'טעמ'טקייט, וזל"ק:

"כ'האב אריינגעטראכט אין דעם ענין, הערט אויס, בחורים דארפן נישט צופיל זוכן קיין עצות אין עבודות השם, מיט לערנען גמרא תוספות, מוסר ספרים, קומט מען שוין צו, צו אלעס, מ'קען לערנען א האלבע שעה חסידי'שע ספרים, נישט קיין נפקא מינה וועלכע ספר, א האלבע שעה מוסר ספרים פון די ראשונים, דאס איז שוין אלעס".

דער רבי כאפט זיך אן ביי די דיוקנא קדישא און ער זעצט פאר מיט א גמרא ניגון "עטץ שרייבט'ס אינעם צעטל אזוי, אויב איינער טראגט אן א קבלה, און רוב פון די בני החבורה זענען מסכים אז די הנהגה איז א הנהגה טובה, דעמאלטס איז יעדער מבני החבורה מחויב איינצוהאלטן די קבלה, יעצט לאמיר ענק פרעגן, און אז יעדער מבני החבורה איז מסכים, לית מאן דפליג אז דאס איז א גוטע הנהגה, אבער אפשר איז דאס נאך אלץ נישט קיין גוטע קבלה?! ווער זענט עטץ מבחין צו זיין וואס עס איז יא גוט און וואס עס איז נישט גוט?! די הנהלת הישיבה פירט איין א פונקטליכן סדר וואס עס פעלט זיך אויס פאר א בחור, וואס עפעס ברויכט עטץ פירן אן נייעם סדר מיט נייע דרכים?!".

דער רבי פרעגט די בחורים: "וואס זענען ענקערע פלענער?" לערנען יעדן טאג א חסידיש ספר – האבן מיר געענטפערט, "וואס נאך?" - פרעגט דער רבי, ענטפערן די בחורים "איינמאל א וואך מאכן התבודדות..."

דא האט זיך דער רבי צובייזערט אויף זיי און ער האט זיי געזאגט "אלע חסידישע ספרים מעג מען לערנען געהעריג אזוי ווי מען לערנט עס, אבער נישט עס זאל אזוי ארויסקומען דערפון... א בחור ברויך וויסן דער עיקר איז אז ער לערנט דעם שיעור הישיבה, קומען צייטליך פארטאגס, האלטן ערליך די זמני הישיבה, און זיך פירן לויט די סדרי הישיבה, דאס איז דער עיקר פאר א בחור".

(שמואל מענדלאוויטש, געציל מענדאלוויטש, יצחק אייזיק וויינשטאק)

תתתתרכה) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם שמואל פילאפף הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' יצחק פילאפף ע"ה, האט זוכה געווען צו זיין אין אורשיווע זיבן וואכן ביי רבינו הק' **בעל דברי יואל** זי"ע, און ער האט זיך געדרייט בקרבתו און זוכה געווען מיטצוהאלטן פון דער נאנט זיין עבודה"ק. האט ער געזעהן ווי דער רבי פלעגט שטיין ביים שאנק און לערנען א גאנצע נאכט שטייענדיג אויף די פיס. און אויף די העכערע פאליצע איז געלעגן א לעכטל וואס צו איר שיין האט ער געלערנט.

איינמאל איז ער אריין צום רבי'ן אינמיטן די נאכט, און אריינבליקנדיג ביים רבי'ן אין שטוב האט ער באמערקט ווי דער רבי האט איינגעדרימלט אינמיטן לערנען, און דאס לעכטל איז אראפ געפאלן און דער קאפטן האט שוין אנגעהויבן צו ברענען ר"ל.

ער איז שנעל צוגעלאפן צום רבי'ן און אראפגעשלעפט דעם ברענענדיגן קאפטן, און אזוי געראטעוועט דעם רבי'ן פון א זיכערע סכנה ה'.

תתתתרכו) עס דערציילט מיין טאטע

## הרה"ח ר' אהרן אבראמאוויטש הי"ו

מיט יארן צוריק בין איך געווען א מלמד אין פאפא, און זומער תשמ"ב לפ"ק זענען מיר געווען אין "מחנה קהילת יעקב פאפא" אין סוואן לעיק. ווען עס איז געקומען די דריטע יארצייט פון **רבינו הק' בעל דברי יואל** זי"ע האבן מיר זיך צוזאמען גענומען עטליכע מלמדים, תלמידי וחסידי סאטמאר צו א סעודת הילולא, און איינער פון אונז האט איינגעמאלדן פאר הגה"ק **בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל** אז מיר מאכן א סעודה לרגל די הילולא קדישא.

צו אלעמענס איבערראשונג האט זיך דער פאפער רב זצ"ל - זייענדיג בערוב ימיו שטארק אפגעשוואכט - מטריח געווען און אריבערגעקומען צו די סעודה, און דערציילט ענינים נפלאים פון זיין התקשרות מיטן רבי'ן זי"ע, צווישן די האט ער דערציילט אז אלעס אינגערמאן ווען ער איז געווען א דיין אין סאטמאר האט זיך אמאל געמאכט אן ערנסטע שאלה בענין "בכור", און די אנדערע דיינים אין סאטמאר האבן געשיקט די שאלה צו אים אז ער זאל דאס פסק'ענען, וויבאלד די שאלה איז זייער נישט קיין מצוי'דיגע אין א פארפלאנטערטע, האט ער געבעטן צייט עטליכע טעג ווילאנג ער וועט דורכטוהן דאס ענין, וכך הוה נאך עטליכע טעג האט ער געהאט אפגעשריבן א לענגערע לומדי'שע תשובה וואס האט זיך געצויגן אויף דרייצן עמודים.

ווען ער האט געענדיגט אפשרייבן די תשובה האט ער באשלאסן אריינצוגיין צום רבי'ן און הערן זיין חוות דעת אויף דעם בירור הלכה, ווי נאר ער האט פארגעלייגט די שאלה פארן רבי'ן רופט זיך דער רבי אן צו אים "נו, וואס איז די שאלה?, דאס איז דאך א תרומת הדשן מיט א דרכי משה אין הלכות מזוזה".

דער פאפער רב איז געבליבן שטיין פון פארוואונדערונג ווייל דער גאנצער בירור זיינער איז טאקע געווען געבויעט אויף דעם דרכי משה מיטן תרומת הדשן און אים האט עס גענומען עטליכע טעג מברר זיין און דא גיט אים דער רבי א זאג דאס גאנצע ענין כלאחר יד, האט ער א פרעג געטוהן דעם רבי'ן "ווען האט דער רבי לעצטענס געלערנט דעם ענין?". האט אים דער רבי געזאגט דעם זמן בערך א 10-15 יאר פריער....

האט דער פאפער רב אויסגעפירט די מעשה בזה"ל - גיט א קוק וואס דאס מיינט סייעתא דשמיא, אזעלכע מעשיות האב איך געהאט ווען איך בין געווען דיין אין סאטמאר נישט איינס און נישט צוויי, כ'האב געזען דאס גדלות פון תורה".

(אלימלך שמשון אברהאמאוויטש)